NEW YORK STATE | Department of Labor
WORKING FOR YOU

Division of Labor Standards
Permit and Certificate Unit
1220 Washington Ave.
Building 12, Albany, NY 12226
(518) 485-1929

# פינגערפרינט סקרינינג אנווייזונגען פאר נייע אפליקאנטן פאר פארם לעיבאר קאנטראקטאר רעגיסטראציע סערטיפיקאטן

**איר מוזט האבן אייער פינגערפרינטס גע'סקענ'ט ביי א Morpho Trust USA לאקאציע אין ניו יארק סטעיט. איר מוזט באשטעלן אן אפוינטמענט פון פאראויס.**

1. צו באשטעלן אן אפוינטמענט:

   נוצט דעם וועבסייט https://uenroll.identogo.com/ אדער רופט טאל-פריי 472-6915 (877) צו באשטעלן אן אפוינטמענט און צו געפינען א ניו יארק סטעיט לאקאציע נעבן אייך.

   געבט די פאלגנדע סערוויס קאוד ביים מאכן דעם אפוינטמענט: **15459X**.

2. קאסטן:

   דער סך הכל קאסט איז $101.75 . דאס איז פאר א פינגערפרינטינג פרייז פון $88.25 אין צוגאב צו א פארקויפער פרייז פון $13.50 . פרעגט די Morpho Trust USA וואס זענען די יעצטיגע פרייזן וויבאלד די פרייזן קענען זיך טוישן.

   איר קענט באצאלן אדער ווען איר מאכט דעם אפוינטמענט אנליין אדער ביי די צייט פון דעם סערוויס .

3. אידענטיפיקאציע (ID):

   נעמט **צוויי** פארעמס פון ID צו אייער אפוינטמענט. איינע פון די ID o מוזן ענטהאלטן א בילד.

4. נאכפאלגונג:

   איר וועט באקומען צוויי רעסיטס נאך די פינגערפרינט סקען:

   - האלט איין רעסיט פאר טרעקינג.
   - שיקט די צווייטע קאפיע פונעם רעסיט מיט אייער אפליקאציע.

   די סערוויס וועט אריבערפירן אייערע פרינטס צום ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע דזשאסטיס סערוויסעס (DCJS) פאר באהאנדלונג. די DCJS וועט נוצן די סערוויס קאוד אויבן צו שיקן די רעזולטאטן צו דעם פערמיט און סערטיפיקאט יוניט אין די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר.